STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11730

""SPEDAYNE""

Benjamin Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„ספּרינגע“ און אַנדערע לידער

בעניאַמין קאץ:

„ספּעדיינע"

און אנדערע לידער

פאַרלאַג
אויפגאַנג

טאָראָנטאָ 1930 קאַנאַדע

פארלאג

אויפגאנג

Copyright
Applied for by
B. KATZ
Toronto, 1930

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO ONT. 7

א

ספּעדיינע

ס פ ע ד י י נ ע

(פּאָעמע)

אַנזער טאָג לעשט זיך אויס אויף ספּעדיינע,
אונזער מאָרגן גייט אויף אין פאַבריק . . .

I.

די גאַס

אין יעדער שטאָט — א גאַס :
ס פּ ע ד י י נ ע .

זי ציט זיך ווי עכאָ פון קלאַנג
און טוקט זיך אין טונקעלן שיין
פון זומערדיקע פאַרנאַכטן.

ספּעדיינע — דער צענטער
פון אלע פארבענקטע, פארוואָגלטע,
וואָס האָבן א הער טיט זיך מיטגענומען
דעם כאָלעם פון שטעטל.

ספּעדיינע — דער צענטער
פון קלובן, פּאַרטייען און קלייזלאַך,
פון פאַרשטיקטע פיר איילן,—
ווינקלען,
וואָס רופן זיך אָן לאָקאַלן.

װאו טונקעלע שאָטנס דערגענצן די טעגלאכע זאָרגן
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
אין קריג, אין געשרײען, אין װײטיק,
װאָס גײט אויף, װי דער רויך פון ליולקעס.
הײנגט רויך, װי אַ כמאַרע, און דושעט אין גאָרגל,
זײנען פענצטער צעפּראַלט, און צעפּויקן
געקריצטע לאָזונגען אויף װענט און װאַנט־צײטונגען
און ס׳קאָלערט זיך א רוף פון פאַרשײדענע פּראָגראַמעס,
װי עכאָ פון קלױסטער־גלאָק,
איבער דער לײנג
און ברײט
פון ספּעדײנע.

.II

י ו ג נ ט

פון פאַרוואָרפענע שטעטלאַך און דערפלאַך,
פון פוילן, פון ליטע, אוקראַינע,
געפלייצט האָט אהער א ברויזנדיקע יוגנט,
מיט דערוואַרטונג און ציטער . . .
האָט שטאָט דאָ געצוימט די פאַרבענקטע געפאַשעס
מיט שוואונג פון גאלאָפּיקע רעדער;
צעמישט זייער לאָשן,
צעשטויבט זייער כאָלעם –
און געדרייט און פאַרדרייט
די טעג און די יאָרן
אין שטויביקע ווינקלען
פון גרויסע פאבריקן.

האָבן ליכטיקע מאָרגנס
זיך שטיל אָנגעצונדען
הינטער גראַטעס פון פענצטער –
און האָבן געוואונקען, און האָבן גערופן
און זיינען פאַרגאַנגען
אין רויש פון געשווינדל.

זיינען שאָען געוואָרן ווי שפּיזיקע יאָזשן,
און האָבן גערוקט זיך פאַרבלענדט און פאַרזונקען,
און האָבן אַריינגעדרייט זוניקע שטראַלן
אין אימפּעט, אין זשויען פון גלאַנציקע רעדער . . .

אין אָוונט פלעגט קומען די מידקייט אנטקעגן
און אויף רויט־גאָלדיקע טאַצן האָט פרייד זיך געטראָגן,
פלעגט כּאָלעם צעגלאַנצן, ווי ווייט הימלישע ראַנדן,
ווי זילבער ראַקעטן,
און לאָזן א בענקשאַפט, א ווייטיק,
וואָס צעקריצט אויף די ליפּן אַ קלאָלע.

האָט די יוגנט איר אומרו צעכוואַליעט
און יעדער האָט דעם קאַם אויסגעוויקלט
אויף דער ברייטער און לאַנגער ספּעדיינע.

האָבן זיך פלעמלאַך צעבליצט און צעפינקלט,
צעטאַנצט דעם אימפּעט פון רעדער,
אין קליינע, אין שמוציקע ווינקלען,
וואָס רופן זיך אָן לאָקאַלן.

האָט איבער ליינג, איבער ברייט פון ספּעדיינגע
זיך צעשפּילט דער צעפלאַקערטער פייער פון טרויער
און געזאַנג האָט דערמוטיקט
צו שמידן א ליבשאפט . . .

איז קלאָרער געוואָרן דער רויש פון מאשינען,
און זיכער דאָס שווינדן פון די יאָזשיקע שאָען,
זיינען קלאָלעס פארשוואונדן פון פארביסענע ליפּן,
האָט צעקלונגען דאָס מוטיקע ליד פון דער יוגנט,
איבער ליינג, איבער ברייט פון ספּעדיינגע.

III.

אלטע מוידן

אויף ספּעדיינע האָט מען לאַנג שוין
די ביימער בא די הייזער אויסגעהאַקט,
פֿאַלן דאָ קיין בלעטער ניט אין האַרבסט,
נאָר פֿון די אַרומיקע גאַסן און געסלאַך
פֿאַרטראָגט דער ווינט
א טאַנצנדיקן קאַראַהאָד,
וואָס טאַנצט פאַרשעמט און איינגעהאַלטן,
ווי די טריט פֿון די אַלטע מוידן אויף ספּעדיינע,
וואָס שפּאַצירן אין זומערדיקע נעכט
מיט האַרבסט־מאַסקעס אויף די איינגעפאַלענע באַקן –
און וואָס א טאָג, צייכנט זיך א פרישער קנייטש,
וואָס דערציילט פֿון פרישן צוויט, וואָס האָט אמאָל געבליט.

ס׳זיינען שוין די שטיינער פֿון ספּעדיינע צוגעוואוינט
צו טריט, וואָס קלאַפּן אויס דעם צאַפּל און דערוואַרטונג,
וואָס כוואַליעט זיך, אזוי פאַרשווענדעריש, אויף ליפּן
פֿון לוסטיקע פאַרבייגייער,

און איבער לייַנג און ברייט פון ספּעדיינע
מוזט איר אויסקלאַפּן דעם טיפן לאַנגווייל
מיט איינגעהאַלטענע טריט,
און דרייען זיך, און דרייען זיך
אהין —
צוריק —

און אזוי,
איר מוידן,
אלטע, שטילע,
רוגזעדיקע מוידן,
נעמט זיך באַ די הענט —
און איבער לייַנג און ברייט פון אונזער נאַס,
טאנצט אוים דעם לעצטן מאַסקן־טאַנץ,
אין די נאָלדענע טעג פון אייער האַרבסט.

אויף ספּעדיינע

און אַז עס קומט אויף ספּעדיינע דער שאַבעס
און פאַרשלעפּט אין זיין רו אויך דעם זונטיק,
דרייען זיך יאַטן פאַרבענקטע לעבן גרויע לאָקאַלן
און יעדער דערציילט פון אַ וועלדל,
און יעדער דערציילט פון אַ לאָנקע,
אין היימישן, ווייטינקן שטעטל.

נאָר עס וואַרטן שוין לאַנג בײַ לאָקאַלן
אויטאָס, ווי היימישע וואָגנס,
וואָס פירן די יאַטן צום פּיקניק,
וואָס שטעלט זיך אין נאָענטן וועלדל.

זיצן שוין יאַטן אין ענגשאַפט אויף אויטאָס
און פאַרהילכן די גאַס מיט אַ לידל;
און הינטער זיך לאָזט מען די גרויקייט,
און הינטער זיך לאָזט מען לאָקאַלן.

און באַנאַכט, ווען ס׳דרעמלט ספּעדיינע,
צעררייסן די יאַטן די שטילקייט מיט לידער; —
צוריק האָבן אויטאָס געבראַכט שוין די יאַטן
און ס׳זינגען בײַ יעדן נאָך אַלץ זיינע גלידער.

ב

ערגעץ-וואו

שטייט א בוים

געשענקט ר.

אויף די קני,
אין טיפן שניי,
אויף מעשופּעדיקן באַרג,
שטייט א בוים
מיט אויסגעקרימטע צווייגן,
אזוי ווי הענט,
וואָס ציען זיך אין טפילע,
— פארטיפט
אין שקיעדיקן שווייגן.

ערגעץ וואו

ערגעץ וואו וואָלט איך איצט א גאסט געווען;
ערגעץ וואו וואָלט לעבן אויפגעשיינט –
און זוניק זיך צעשפּילט
און שמייכל וואָלט באצירט געזיכט;
יאָנטעוו וואָלט מיין קומען דאָרט געבראכט.
אין יעדן דריק פון האנט, וואָלט איך,
פרייד ארייגעקוועטשט
און וואָלט געלאכט.–
ערגעץ וואו וואָלט בענקשאפט אויפגעהערט.
ערגעץ וואו וואָלט גליק אויף סטרונעס
מענטשלאכע צעשפּילט.
ערגעץ וואו.–

אינדערוואַרטונג

טעג בליענדיקע פאַרגייען – אינדערוואַרטונג.
ביידע בליען מיר אצינד,
כאָטש האַרבסט קומט אָן
און ווייזט אונז זיינע גרויע האָר,
בליען מיר אין אונזער פרילינג
בליען מיר.

דו, און לאַנד דיינס בליט. –
און איך דערוואַרט די שאָ פון אומקער:
דערוואַרט די פרייד פון שניט־צייט,
געזאַנג פון זאַמלער.

אין אונט-גרויקייט

שטילער פיין, אין אונט גרויקייט,
קלאפּט אויף אומרו מיין געוויין;
ציט אַ סטאַדע געגדז אַ היים שוין,
ציט אין פעלד ווער מיין געביין.

בויגן זיך פון ווינט די צווייגן,
פאַסטוך טרייבט די געגדז א היים.
ליגט דאָס זאַמד זיך שטיל אויף וועגן,
און מיין אומרו שפּאַנט געהיים

צו דעם וואַלד, וואו פאסטוכ׳ס פייפל
האָט געלאָזט נאָך זיך אַ קלאַנג;
דרייט דער ווינט די גרויסע צווייגן,
און מיין אומרו איז אין פאנג.

צינדט זיך הימל רויטער, רויטער,
שושקען ביימער טפילעס צו;
צינדט זיך אומרו העלער, רויטער
און מיין וועזן בלאָנקט נאָך רו.

אַ ליד

איך האָב זיך געגרייט דיר באַגעגענען
מיט שמייכל און מיט ציטערדיקן גלי;
האָט ווער א קריץ געטאָן אויף מיינע שויבן
און אָנגעזאָגט, אז עס וועלקט שוין יעדער בלי.

אויפן גאַס האָט נאָך געשיינט די זון
איז זי אין מיר א פלאַמיקע פאַרגאַנגען...
האָב איך אוועקגעשטעלט באם טיר א ליכט
און זיך שווער אראָפּגעבויגן, ווי אין פעלד די זאַנגען.

ביסטו געקומען איין אליין צו מיר
און זיך צעוויינט אויף מיינע קלאָגן;
האָב איך אין קאַס א וואָרף געטאָן דאָס ליכט,
אנטלאָפן – און געאיילט די פיין אריבעריאָגן.

ס'איז נאָך ווייט צו ביין האַשמאַשעם . . .

ס'איז נאָך ווייט צו ביין־האַשמאַשעם.
ס'איז די צייט פון מינכע.
ס'איז די צייט פון אומעט.
מינכע – א געשאַנק האט ווער געבראַכט
אויף גאָרער וועלט.

קוק זיך צו
און קוק זיך איין :
ס'וועבט זיך שוין דער אָוונט־שיין –
דער זילבער אָוונט־שיין.

הער זיך צו
און הער זיך איין;
פילסט –
ס'גייט אויף דער אָוונט־פּיין.

און אז לעבן דיר זיצט קיינער,
דערפילסטו נעענטער אויף זיך
די הויט און ביינער
און ס'ציטערט יעדער אייווער
דוימעם – שטום.

און אין די ווינקעלאך פון כיידער
שפּירסטו ווי עס ווערט קעסיידער
טונקעלער און טונקעלער ארום.

זאַג מיר ריטשקעלע . . .

זאָג מיר ריטשקעלע, איך בעט דיר,
האָסטו אויף דיין וועג ניט באגעגנט
ריטשקעלאך וואָס פליסן, יאָגן
ארויס פון קוועלכעלאך קילע,
צי פון קרעניצעס שטילע;
און לויפן און יאָגן צום גרויסן,
צום מאַכטיקן יאַם ?

צי האָסטו צווישן זיי ניט באגעגנט
רויטינקע, זודיקע ריטשקעלאך,
וואָס פליסן דורך בערג און דורך טאָלן
און יאָגן אין יאַם ניט אריין,
נאָר לויפן אהער און אהין,
און ווייסן אליין ניט וואוהין . . .

אויפן רוקן פון ניאַג׳רא

ווילדע מאַכעשייפעס —
צעפּ געפלאָכטענע
ווי פלאַמען
אין א שטעטלדיקער כרייפע,
ציען זיך און יאָגן
אויפן רוקן פון אַספאַלט.

רוישט און קלאַפּט דאָס וואַסער
ווי דינע, שאַרפע מעסערס
אין גלאַנציקן געפעכט.

רוישט און פאַלט דאָס וואַסער
ווי געשווינדל פון די רעדער
אין מאָטאָר־געשפאַן.

און קוקסטו נעענטער ארונטער,
זעסטו,
ווי עס גייען וועלטן, וועלטן אונטער —
געל און ווייס און צונטער . . .

און אין אייביקן געשווינדל
איז דורכזיכטיק
דער נעפּל־זייל,

וואָס טראָגט א גרוס
צו הימל און צו וואָלקן
פון בייזוואונדער,
פון איינעם פון די זיבן וואונדער
אויף דער וועלט.

און אָט, און אָט, און אָט, און אָט
קייקלט זיך א זייל, ווי שראָט,
אין אָפּגרונטן אַראָפּ.

און צעפּ, און צעפּ, און צעפּ, און צעפּ
פלעכטן זיך און פלעכטן
וואונדער אין געפעכטס.

רוישט און רוישט און רוישט דאָס וואַסער.
צונויפגעלאָפן פון אלע קוואַלן,
יאָגן זיי און שאַלן
פון באַגער,
וואָס האָט פארטראָגן זיי אהער.

איינמאָל, איינמאָל,
איינמאָל נאָר צו פאַלן
אויפן רוקן פון ניאַג'ראַ,
ווילן וואַסערן פון יאַמים,
ווילן וואַסערן פון טייכן,
ווילן וואַסערן פון ווייטע, ווייטע אָפּגרונטן און קוואַלן...

איינמאָל, איינמאָל
איז דער טאַנץ א כאָלעם.
איינמאָל, איינמאָל
זיין א טייל
פון וואונדער,
פון וואונדער אויף דער וועלט.

איינמאָל, איינמאָל
אויפרייסן איינגאנצן
אלע דינסטע, דינסטע לעבנס
פון פארוואגלטע אויף וועלט.

ליגן זאכן איינגעדרעמלט
רונד ארום די וואסער־פאַלן
און זיי הערן ווי עס שאַלן,
און עס פלעכטן זיך און פאַלן
וואסערן אראפּ.

קומען מענטשן אויף בייזוואונדער.
הערן ג׳רויש און זעען וואונדער,
וואונדער איבער וואונדער
אין דער וועלט.

פאלט די נאכט צו
אויפן וואסער,
ווערט די לופט
ארום נאך נאסער.

בלאָזט א ווינט
און ווילד און ווילדער
ראנגלט זיך ניאג׳רא
מיט דער פינצטערניש
פון נאכט.

שפּרייט זיך נעפּל
ווייס און ווייסער
און פארכאפּט די ברעגן
און די אויסגעווייקטע וועגן
רונד און רונד רום.

העכער, העכער ציט זיך נעפּל —
ווערן וואָלקן איינגשלונגען
און די ווייסע זיילן-צונגען
שלעפּן הימלען
צו דער ערד.

שרעק און פּאַכאַד
און גערויש ווי וואלד אין שטורם.
רייסן, בייסן זיך ווי כאַיעס
שרייען צעפּ מיט ווילדע קוילעס:
וועלטן, וועלטן גייען אונטער!

און עס מישט די נאכט צוזאמען
נעפּל, הימל, צעפּ און רעגן;
און זיי שרייען ווילד און ווילדער:
וועלטן, וועלטן ווערן כאָרעוו!

האָט דער מענטש
דעם וואונדער אָנגעצונדן
און באלויכטן
מיט קאָלירטע שטראַלן
אין דער נאַכט.

ברענען צינגער – פייער־פלאַמען
און זיי ווארפן קישעף־פּאַסן
אויף די פאַלנדיקע צעפּ.

צינדן צעפּ זיך רויט און צונטער,
ווערט דער מוט אויך פריי און מונטער
און דער ווייסער, ווייסער נעפּל
טאַנצט אויף גרינע, רויטע שטראַלן
און עס פלעכטן זיך און פאַלן
די ניאַגאַרא וואַסער־פאַלן
אין אָפּגרונטן אַראָפּ.

און די ווילדע מאַכעשייפעס –
צעפּ געפלאָכטענע
אין פלאַמען,
ציען זיך און יאָגן,
ציען זיך און יאָגן
אויפן רוקן פון אַספאַלט.

ג

מיינע טעג

בא דעם קאסטן - שריפט

יעדער קעסטעלע פון קאַסטן איז מיר גוט באקאנט,
ווי די פינגער מיינע, וואָס קלייבן שנעל דעם שריפט,
ווי דער שטויב, וואָס ליגט שוין איינגעגעסן
אין די פינגער פון מיין ציטערדיקער האנט.

ווינקט און רעגט מיין אויסגעבליכטע פרייד
וואָס ליגט פארבאָרגן
אין די קליינע, ליבע קעסטעלאך,
אין די קליינע, ליבע קעסטעלאך . . .

אין בלויע קאַיאַרן

א.

אין בלויע קאַיאָרן
ווערט האַרציק דער מענטש
און געלייטערט זיין וואָרט.

אין בלויע קאַיאָרן
נייט אויף פון א מידן:
„גוט מאָרגן!"

צעטראָגט זיך דאָס וואָרט
און לאַסטשעט די גאַסן
און צאַפּלט זיך פריידיק
מיט אָנקום פון מאָרגן.

ב.

אין בלויע קאַיאָרן
פארלאָז איך מאשין און נערודער,
דערענדיק די לעצטע מעטאלענע שורעס,
וואָס האבן אין זודיקן בליי זיך פארגאַנוועט
און דארטן פאראייביקט געווארן.

אין בלויע קאַיאָרן
פאלן די טריט אויף די ביינערנע שטיינער
און אויגן פארשטאַרטע דערבליקן,
ווי בלויקייט וועפּט אויס זיך אין ליכט פון באגינען.

ג.

אין בלויע קאַיאָרן
באַגעגן איך שאָטנס פון מענטשן אויף גאַסן
און זאָג זיי:
„גוט מאָרגן!"

שפּאַנען די איינזאַמע שאָטנס
און קלייבן פון גאַסן דעם אומעט
און גרייטן שוין זשאַר פון דער זון
צו צעשפּרייטן אויף גאַסן.

אין בלויע קאַיאָרן
ווען ס'שפּינט זיך באַגינען,
פאַרלעשן זיך לאָמפּן אויף גאַסן,
און וואו ערגעץ ווייט אין דער בלויקייט,
גייט אויף דער באַגערטער פרימאָרגן.

איך בין געגאנגען לעבן דיר...

צו ——————

איך בין געגאַנגען לעבן דיר
טראָט אין טראָט
און האָב געשוויגן.
דו האָסט דערציילט פון יאָנטעװ־טעג,
וואָס וועלן שוין ניט קומען.
איך האָב געטראַכט:
זיי וועלן קומען;
אָט זיינען זיי שוין דאָ
אין יעדן טראָט,
אין יעדן טראָט.

וואָס קענען איצטאָ זאָגן רייד
ווען אין שווייגן רוט די פרייד
און מיר גייען
טראָט אין טראָט.

די גאס איז ברייט און לאַנג.
זינגט אין מיר א שטיל געזאַנג.
יאָנטעװ־גאַנג,
טראָט אין טראָט.

דאָס ליד פון מאַטראָס

ווען איך קוש אויס די קנייטשן פון דיין פּאָנים,
פרעמדע מיידל, פלאַמענדיקע דו;
זוכסטו מיט די אויגן אין די סוידעס פון מיין אומרו,
די קערנדיקע זוימען צו פאַרלאָקן מיר אין רו.

דערצייל איך דיר פון שיפן, פאַרבלאָנדזשעטע אויף יאַמים,
פאַראַקשנטע מאַטראָסן מיט ברויזנדיקן בלוט;
צעפלאַמט אין מיר בעטאָכן, אויף פלאַטערדיקע זעגלען
און סאַמסט אין מיינע גלידער די קערנדלאַך פון מוט.

פאַרקלאַמערן זיך רעגעס ביז ציטער פונם פייף;
און פאַרלענדט אין פלאַם פון טרעסטשענדיקע צווייגן:—
הער איך, ווי שוין לאַנג האָט אפגעהילכט דער רוף,
און כ׳ראַנגל זיך מיט דיר אין כווישעכדיקן שווייגן.

ווייס איך, אז פון לאַנג שוין ז׳אָפּגעגאַנגען די שיף,
פרעמדע מיידל, פלאַמענדיקע דו;
קענסט אָבער ניט געפינען אין די סוידעס פון מיין אומרו
די קערנדיקע זוימען צו פאַרלאָקן מיר אין רו.

וואס־זשע ווייסט דען מוישע־לייב...

וואָס־זשע ווייסט דען מוישע־לייב
פון דער פרייד, וואָס גייט אויף אין אונז,
ווען מיר וויגן זיך מיט נייעם ניגן
איבער די דריבנע אויסיעס פון זיינע לידער?

און וואָס־זשע פילט ער, מוישע־לייב,
ווען מיר גייען אים נאָך אזוי־אָ שטילערהייד
און זיצן לעבן אים באַם יאַם,
און פאָרן מיט אים אויף דער שיף,
און זינגען נאָך דעם ניגן פון זיין טרויער?

און וואָס־זשע טראַכט ער, מוישע־לייב,
ווען מיר זעען אים אזוי א נאַקעטן אין זיין געוויין
און ס׳רירט דאָך ניט דעם שטומען שטיין –
און מיר זוכן, ווי כאַכאָמים, א באַשייד
פאר אונזער בידנעם דיכטער מוישע־לייב,
וואָס זוכט נאָך אלץ ארום די פרייד,
און פאַרוויגט דערווייל אונז מיט א נייעם ניגן...

לאַסטשע ניט דעם טרויער

הער אויף! לאַסטשע ניט דעם טרויער,
זאָל אויסברענגען מיט טרעסטשענדיקן פלאַם
ווען טעג זיינען פון וואָכעדיקייט נאָך גרויער.

פאַרלאָז דאַס הויז, די גאַס וואָס לויערט
און פאַרטרויערט דיינע יאָנטעוודיקע טעג;
ס'איז יעדערער פון אונז ווי ציגל איינגעמויערט,
ס'איז יעדערער ווי ציגל פון זשאַווערדיקער זעג!

איז איין קאָליר פאַר אַלעמען דער צייכן
אין יאָנטעוו און אין וואָכעדיקן טאַנץ;—
שטעל זיך אויף דעם קלאָץ און זעג צו מיר אַרונטער,
וועט אויפגיין אין דעם שוואונג דער בליאַסקענדיקער גלאַנץ.

כ׳בין אַ גאַסט

כ׳בין אַ גאַסט בא דיר שוין זיבן יאָר, קאַנאַדע,
און די וואָרצלען נאָך ניט איינגעפלאַנצט אויף ערד;
ס׳קאָן ניט צוימען מיך דיין צוואַנג צו פֿורעמען מיין לעבן,
ווי דו בויגסט די ווילדקייט פֿונם סטעפּ־געלאָקטן פֿערד.

כ׳האָב געזען די ווילדע, ווייטע סטעפּעס
אויסגעלייגט אויף מיילן,
וואו ס׳שטראַלט דער מאַרעוו אין זיין ווייסן צאָפּן־ליכט:—
האט צעהעלט פֿאר מיר די קראַפֿט פֿון קעמפּנדיקע מאַינער,
וואו פֿאַרשטאָלצן איז, ווי פֿעלז, דער שעפֿערישער שיכט.

האָב איך זייער מוטיק וואָרט אין זיך אריינגעזויגן,
און פֿאַראַקשנט צוגעקניפּט צו מיין טעגלאכן געיעג;
בין איך שוין פֿון לאַנג אַ טייל פֿון זייער ברויזנדיקן צאָרן,
וואָס רייסט זיך שטורמדיק פֿון יעלאָלעדיקן וועג.

דאס ליד פון יונגן מאינער

אויפגעשריבן, פאַרמעקט און ווידער אויפגעשריבן,
אז ווערטער קייקלען זיך, ווי בליי פון מויל:
קאָן מען דען דערציילן, דאַרף מען דען דערציילן,
אז איך שפּיי אוים נעמיש פון בלוט און קויל?

קאָן מען דען דערציילן, דאַרף מען דען דערציילן,
פון יונגע לעבנס, וואָס אין בליאונג פוילן,–
קאָן מען דען אויפשרייבן, דאַרף מען דען אויפשרייבן
די רייד, וואָס פאַלן הילפלאָזע אויף קוילן?

קאָן מען דען אויפשרייבן, דאַרף מען דען אויפשרייבן
די רייד, וואָס איך צעהאַמער טעגלאַך:
קאָן מען דען נאָך וואַרטן, דאַרף מען דען נאָך וואַרטן,
ווען כאַוויירים זאָלן ענטפערן נאָר: מעגלאַך!

דאס ליד פון בריוטרעגער

צעטראָג איך בריוו אין אלע הייזער,
און ווי אויף ציפּערבלאט דער ווייזער,
דערוויס איך זיך פון יעדן בריוו באַריר
דעם סאָד, וואָס איז פארצייכנט אויף פּאַפּיר.
ווייס איך – און איך שמייכל בא די טירן
און איך פיל שוין, ווי די פרייד
וועט צארט באַרירן
די דינע, ציטערדיקע פינגער פון געליבטער,
וועט זי אויך אויסקושן מיינע פינגער־צייכן
און איך ווייס –
אזוי דערציילט מיר דאָס קאָנווערטל
און די ראָזע פאַרב
און די פּערלדיקע אויסיעס פון קסאַוו.

און אַמאָל דערפיל איך
ווי עס גייט א ציטער איבער מיינע גלידער
פון די שווארצע פּאסן אויף קאָנווערט.
ווייס איך – אוי, איך ווייס שוין גוט,
אז איך וועל א שווארצער מאַלאַך ווערן
און אין א הויז די פרייד צעשטערן.

און בריוו זיינען פאַראַן
וואָס קומען, ווי די פייגעלאַך
פון איבער ווייטע יאַמים —
און ציטערן און פלאַטערן,
צו דער מאמען ניט פארזאמען . . .

טראָג איך בריוו אזוי פון יאָרן
אין מיין אלטער, ליבער טאָרבע;
און איך קען שוין, און איך ווייס שוין
דעם באשייד פון יעדן בריוול.

ד

די בראָכע

ס'האָט פּויפּסט פּיוס דער עלפטער פון רוים
צעשטערט דעם גערער און צעבראָכן יעדער צוים,
האָט דאָס פאָלק, דאָס גלויביקע, דערזען אים
ווי ער שטייט האַכנאָעדיק, ווי אין פעלד אַן אלייניקער בוים.

האָבן זיך צעקלונגען די גלעקער
פון פיר־הונדערט קלויסטער רוימישע,
האָט דאָס פאָלק פאַרציטערט זיך געבויגן אויף די קני —
און איבער פלייצעס טויזנטער האָט די בראָכע זיך געטראָגן:
„זאָל גאָט אייך מערן און פאַרגרעסערן,
ווי יאַנקעווס סטאַדע פי."

„און ווי די שטערן אויפן הימל, און ווי זעמדעלאך בײַם ברעג,
זאָלט איר זיך ציען צו די שוועלן פון הייליקן געצעלט."
האָבן זיך פאַרשטילט די גלעקער
פון פיר־הונדערט קלויסטער רוימישע,
ווען פּויפּסט פּיוס האָט געשיקט זיין בראָכע אויף דער וועלט.

איז שוין לאַנג די זון אַרונטער אין רוים —
האָט פאַרשקלאַפונג געבראָכן אין קעלערס די צוים;
האָט די נאַכט זיך צעצונדן מיט וואַקסענעם פלאַם,
און ס'האָט זיך געצאַפּלט די גוואַורע
פון פאַרזשאַווערטן שטאַם . . .

דאס ליד פון איטאַליענער

אין יעדער הויז הענגט, לויט באפעל, דאס בילד
פון מוסאָליני
און אין די הערצער ברויזט דער אנדענק פון מאַרטירער
סאַקאָ און וואַנזעטי.
און איבער גאַנץ איטאַליע:
אין די גרובנס, אין די קעלערס, אין די שאַכטן
און וואו נאָר ס'איז פארשפרייט דער שאָטן
פון דעם גרויסן צעזאַר – דיקטאַטאָר מוסאָליני,
גרייט דאס פאָלק שוין א מערידע,
וואס וועט זיך צעפלאקערן אין שלאכטן.

איבער גאָר דער וועלט האבן זיך צעשפרייט
די זין פון זוניקער איטאליע
און צי שלעפּט איינער א וואָגן מיט באַנאַנעס
און צעקלינגט אויף גאסן פרעמדע, די פרייד פון זאטע פרוכט:
– „באַנאַנע ראַיפּ! באַנאַנע ראַיפּ!"
און צי גראָבט איינער בא רעלסן פון רוישיקער טראַמוויי;
און צי זיי שלעפּן ליים און ציגל
אויף גרויס־שטאָטישע געביידעס,
און פאַרנאכט קומט מען א היים מיט רידל און מיט קויט
און די ביינער ברעכן, און ס'שרייט פון ווינקעלאך די נויט
און דאס אויסגעדאַרטע ווייב קען נאָר באפרידיקן דעם טויט,
האט מען פארדינט אין פרעמדן לאנד נאָר אויף ברויט,
אויף ברויט.

און אז עס ווערט דער איטאַליענער מאָלע כיימע,
פאלט אויף ווייב און קינדער אזא ציטערדיקע איימע
און דאָס בלוט פון זוניקער איטאליע ברויזט:
„אין מיין זוניק לאַנד הענגט דער שאָטן פון דעם גרויסן צעזאר
און איך – א בירגער פון איטאַליע
ווער געפייניקט און געהאנגען אין דעם פרייען לאנד אמעריקע
טו, ווער איך היינט צעזינגען זיך אין שמוציקע קוואַרטאלן:
העי, אָגוסט צוויי־און־צוואַנציק!
טאָג פון גרויסן טרויער,
טאָג פון גרויסן וואונדער אויף דער וועלט!"

די ווילדע האַריגע

א.

ס'איז איצט די שאָ פון דער ווילדער האַריגע.
ס'איז די שאָ פון דעם פּאַכאַד און גרויל.
טאַנצט אויף בלוטיקע האַריגים —
טאַנצט א ווילדער גוי . . .

אויגן שפּיזיקע — פאַרגלאָצטע
שפּיגלען זיך אין רויטן בלוט;
ווערט דער ווילדער גוי נאָך ווילדער
און עס פּייפּט די שלאַנקע רוט.

פאַלן האַסטיק פייער־צונגען,
ווערן צייכנס בלוי און רונדיק.
בלוי און רונדיק,
בלוי און רונדיק
ווערן צייכנס אויף די לייבער.

טראָגן קוילעס זיך צו הימלען,
זיינען הימלען בלוי און שטום:
קרעכצן קוילעס, וויינען קוילעס, —
פאַרשטיקטער פּאַכאַד אומעטום.

ב.

נו, דרייט זיך א מענטש איבער נאַסן ארום
און איז שטום צו זיין אייגענעם צאַר.
און דער אייגענער צאַר
איז דאָך גרויס
און נאָך גרעסער פון דער ווילדער האַריגע.
זיינען די אויגן צעפינקלט
און שאַרף איז דער בליק,
ווי די נעגל בא אָדלער,
וואָס טראָגט אין די הויכן דעם קאָרבן.

נו, דרייט זיך א מענטש אין די גאַסן ארום
און די טעג זיינען זוניק.
און ס'דערמאָנען די נעכט שוין אין האַרבסט.
און ער באַגעגנט כאַוויירים, באַקאַנטע און פריינט,
וואָס צעפויקן דעם נאַרישן קאַס
און דעם ביליקן צאָרן
און ווייסן אַליין ניט:
ווער שולדיק, וואָס שולדיק
אין ווילדער האַריגע...

ג.

האָט דער מענטש זיך געראַנגלט, געראַנגלט מיט זיך
און דערזען ווי עס גלאַנצט די האַק אין א ווינקל פון קיך
און עס שפּילן זיך שטראַלן פון זון אויפן שאַרף
און געהערט האָט ער קוילעס, וואָס כאָרכלען אין בלוט,–
האָט דער מענטש זיך געראַנגלט, געראַנגלט,
געראַנגלט מיט שאַרף פון דער האַק, אין א שיקערן טאַנץ
און ניט איינס, און ניט צוויי
אין א ווילדן געדריי
זיך געלאָזן אויף גאסן
מיט צעברויזטן געשריי . . .

האָט דער מענטש זיך פאַרדרייט
מיט דעם גוי אין א טאַנץ.
און ווי מ׳פלעכט אויס פון בלומען א רונדיקן קראַנץ,
אזוי האָט דער גוי מיטן מענטש זיך גענומען בא הענט
(און אין קרייז איז געלעגן אלס איידעם די האַק.)
און אז אין קרייז האָט געטאַנצט שוין ניט מענטש און ניט גוי,
נאָר א ווילדער האַמוין
האָט אויף איינעם בראָך זיך געדרייט
און פאַרדרייט זיך אין קנויל,
אזש ס׳איז געפאַלן אויף אלע א גרויל,
האָט די האַק זיך אליין אויפן האַלז אָנגעשטעלט
און ניט איינס, און ניט צוויי
אין א ווילדן געדריי
האָט זיך פארשטיקט
דער צעברויזטער געשריי...

מאנטרעאל

א.

אין אלע פענצטער קוקט אריין דער בארג.
און ווי שפּיציק עס טורעמען זיך די קופּאָלן,
איז אלץ נאָך שפּיציקער דער פייערדיקער צוילעם
אויפן באַרג.

און קען ווער ניט איינשלאָפן,
שטרעקט ער די קאָפּ ארויס דורכן פענצטער
און ער קוקט אויפן צוילעם־שיין,
וואָס איז ווי אויסגעהאַקט אין די וואָלקנס אויפן הימל
און עס דערמאנען זיך די צייטן,
ווען ארום באַרג איז אויסגעלייגט געווען
רונד ארום א ברייטער טאָל
און גראָז און ביימער האָבן זיך געוויגט
מיט ווינט און שטורם.
און די רויטע אינדיאנער
האָבן נאָך א טאָג פון פאַנג,
גערוט אין באהעלטענישן פון קוסטעס און גרובנס;
און בלוי און כוואַליעדיק
איז אלץ געווען דער טייך סט. לאָרענס.

אז דו קענסט ניט איינשלאָפן באַנאַכט
און אין אלע פענצטער קוקט אריין דער באַרג,
שטרעקסטו די קאָפּ ארויס דורכן פענצטער
און דו זעסט:
אין טאָל זיינען די גאַסן אויסברוקירט
און בייביק שטייען שטום די קלויסטער מיט די צלאָבים;
און באַלד, אָט באלד,
אין גרויען מאָרגן,
וועלן זיי צעקלינגען טפּילעדיקע קלאַנגען;
נאָר איצט איז כצאָס –
און רונד ארום דעם באַרג ליגט די שטאָט
א פינצטערע,
א פאַרשאָלטענע –
און אויף די ראָגן, ציען די לאַמטערנס
זייערע שאָטנס לאנג און ברייט.

ב.

און דו געדענקסט די נאכט
ווען אויפן ווייסן ליילאך האט די זוינע
איר גרינע גאַל שוין ארויסגעשפּיגן
און אין ענגן צימערל דושעט זיך איר כאָרכלען
און בלוי און בלויער ווערט איר לייב . . .

ביסטו געשטאנען בא דער זייט דערשלאָגן און פאַרשעמט
האט זיך די נאכט געצויגן שטום און צאָרנדיק
און אירע אויגן האט די זוינע אין ציילעם איינגעקריצט
האבן אויסגעגלאָצטע, טויטע אויגן זיך צעפלאמט
אין ציילעם־שיין,
וואָס איז ווי אויסגעהאַקט אין די וואָלקנס אויפן הימל;
און ס׳האָבן זיך די ווענט צונויפגערוקט
און אלעס, אלעס אין דעם ענגן צימערל
האָט זיך צונויפגעדריקט
און זיך דערשטיקט.

און אז דו קענסט ניט איינשלאָפן
און דו דערמאָנסט זיך אין מיטן נאכט דערפון,
ווילט זיך דיר אזוי צעשרייען יאָמערלאך אין דער נאכט,
ווי עס צערעוועט זיך א באַן אויף ווילדע שטרעקעס,
און אויסשרייען פאר די מענטשן פון דער גרויער שטאָט,
אז דאָס לייב פון דער זוינע
איז שוין בלוי און קאלט.

פאַרי׳טעריש געוויין

צו רייזנס אריינטרעטן אין „פאָרווערטס"
און צו ה. ל י י וו י ק ן.

רייזען, איך האָב דיר היינט געזען אינם לאַנגער פּונם סווינע
און כ׳האָב דערפילט זייער יובלדיקן זיג;
און פון א צווייטער זייט, האָב איך געזען,
האָט צו מיר געטראָגן לייוויק,
פון זיין קינד די פּוסטע וויג.

האָב איך געהערט דעם געקלאַנג פון גאָפּל-מעסער
אויף די ווייסע טישן
און דו ביסט דאָרט געזעסן ציטערדיק און קליין
און ס׳האָט זיך א וואָרט געטראָגן אויף די בענק און טישן,
און קיינער האָט ניט פארנומען דיין פארעטעריש געוויין.

געגוג, גענוג צו שפּילן זיך מיט צאַצקעדיקע ווערטער,
גענוג צו שלייפן, ווי קרישטאָלן, רייד:
ס׳ווייסט איצט יעדערער פון אונז דעם קלאָרן צייכן,
אז ס׳גייט אויף אין מאַיסים דער פאַראורטיילטער באשייד.

און געוויס, געוויס וועל איך איצט ניט וועגן, מעסטן
ווי גרויס די בראָך איז פון דיין פוסטער וויג;
און קיינער, קיינער טאנצט ניט אויף די קלאָגן פון דיין כורבן;
פארשטיי: ס׳איז איצט די צייט פון ווילדער קריג.

און ניט איין מאמע וועט טראָגן אונז אנטקעגן
די קלאָג פון פוסטער וויג; —
אזוי מוז זיין – אזוי איז שוין פארצייכנט
ביז יענעם גרויסן, לעצטן זיג!

20-טער אָקטאָבער, 1929

יונגען זיינען מיר

(אונזערע קאָמיוניסטן – א מאַטאָנע)

יונגען זיינען מיר און קליין אין צאָל,
אין דעם לאַנד קאַנאַדישן.
זשאַווערדיקן ראָסט האָבן מיר פאַרלאָזט
און זיך א וויג געטאָן מיט קעמפּערישן לוסט.

אונזער שוואונג וועט זיך א שפּרייט־טאָן ווען
מיט האַסטיקן פאַרנעם;
כאָלעם,
ליכטיקער
וועט זיך ארויסרייסן
פון זשאַווערדיקן קלעם.

און ווי גראַטעס, אונזער ווילן,
וועט פאַרצוימען
העפקערדיקע טעג; –
שטורם, שטורם – שפּילצייג דו,
מיר צייכענען דעם וועג.

מיר זיינען יונגען פרעמד נאָך דאָ
און קליין אין צאָל;
נו, נו, מיר וועלן זיך א וויג־טאָן ווען
אין קעמפּערישן ברען.

א י נ ה א ל ט :

א. ספּעדיינע
1. די גאס 9
2. יוגנט 11
3. אלטע מוידן 14
אויף ספּעדיינע 16

ב. ערגעץ-וואו
שטייט א בוים 19
ערגעץ-וואו 20
אינדערוואַרטונג 21
אין אוונט-גרויקייט 22
א ליד 23
סאיז נאך ווייט צו ביין-האשמאשעס 24
זאָג מיר ריטשעלע 25
אויפן רוקן פון ניאַג׳רא 26

ג. מיינע טעג
בא דעם קאסטן שריפט 33
אין בלויע קאיאָרן 34
איך בין געגאנגען לעבן דיר 37
דאס ליד פון מאטראס 38
וואס-זשע ווייסט דען מוישע לייב 39
לאַסטשע ניט דעם טרויער 40
כ׳בין א גאסט 41
דאס ליד פון יונגן מאינער 42
דאס ליד פון ברייווטרעגער 43

ד. ° ° °
די בראָכע 47
דאס ליד פון איטאליענער 49
די ווילדע האריגע 50
מאנטרעאָל 53
פאַרעפּעריש געוויין 57
יונגען זיינען מיר 58

פארלאג „אויפגאנג,“ טאראנטא

דער פארלאג „אויפגאנג״ האט זיך געשטעלט אלס ציל, ארויסצוגעבן די ווערק פון יונגע אידישע שרייבער וואס וואוינען אין קאנאדע.

ביז איצט זיינען דערשינען:

„דער האָז״ (איינאקטער) — בעניאָמין קאַץ

„ר ו ן״ (דערציילונגען) — בעניאָמין קאַץ

„ספעדיינע״ און אנדערע לידער — בעניאָמין קאַץ

„ב אַ ג י נ ע ן״ — לידער זאַמלונג

„נאָענטקייט״ (לידער) — שאָלעם שטערן

דערציילונגען — — ס. קרייצער

אין „שוויענטי קרזשיזשער״ וואַלד — ל. טרייסטער

„נישט געשטויגן — נישט געפלויגן״

(קינדער מאַיסעס)

פון מוישע שיפּרים

אינגיכן דערשיינען:

א בוך דערציילונגען — — י. זיפער

ל י ד ע ר — — ס. גרינבערג

ווענן אלע אנגעלעגענהייטן זיך ווענדן צו:

B. KATZ, 110 Beatrice Street, Toronto 3, Ont., Canada